דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פרשת בא ז' שבט
הי' תהא שנת סגולות ונפלאות – ה'תשס"ו

# "בא אל פרעה" – נשמה בגוף

## לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת בא תשנ"ב

**די פראַגע**

נאָך דעם ווי אין סדרות שמות און וארא, איז געווען אַ הכנה צו די גאולה, אין סדרה בא זײַנען מיר אָנגעקומען צו דער גאולה בפועל ממש – "בעצם היום הזה הוציא ה' את בני ישראל מארץ מצרים על צבאותם".

דער רבי מלך המשיח שליט"א ברענגט אַסאַך מאָל דעם כלל: דער נאָמען פון די סדרה איז ניט סתם אַ וואָרט פון דעם ערשטן פסוק, ער האָט אַ אינהאַלט און אַ באַדײַטונג וואָס זײַנען כולל די גאַנצע סדרה. אויב אַזוי, האָבן די ווערטער "בא אל פרעה" – אַ ספּעציעלער פאַרבונד צו דער גאולה בפועל ממש.

פרעגט דער רבי מלך המשיח שליט"א: וואָס איז ספּעציעל אין די ווערטער "בא אל פרעה" אַז זיי דריקן אויס די גאולה בפועל ממש?

נאָך אַ שאלה: 'תורה' איז פון לשון 'הוראה' – אַן אָנווײַזונג, און מיר דאַרפן ארויס לערנען פון איר אויך הײַנט. וואָס קען מען ארויס לערנען פון "בא אל פרעה" נאָך דעם ווי פרעה איז שוין פון לאַנג טויט און באַלד קומט די גאולה שלימה?

ווי אַלע מאָל וועט דער רבי מלך המשיח שליט"א ערקלערן דעם ענין בפנימיות, און אַזוי וועלן מיר פאַרשטײן דעם ספּעציעלן ענין פון "בא אל פרעה" – וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גאולה ממש. און אַז מיר וועלן פאַרשטײן דעם פאַרבונד צו דער גאולה, וועלן מיר פאַרשטײן אויך דעם פאַרבונד צו אונז, ווײַל מיר זײַנען דאָך דער דור פון גאולה.

**אַ ספּעציעלער כח פון דעם אויבערשטן**

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, ער איז דער מקור אויף אַלע זאַכן, און אַלץ קומט פון אים. דער אויבערשטער איז אינגאַנצן גוט, און אויב אַזוי איז יעדער זאַך וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון אים – איז גוטקייט און הײליגקייט.

אָבער דער אויבערשטער האָט זיך באַהאַלטן כדי אַז מיר זאָלן אים ניט זען און דערקענען. דער וועלט קען פאַרגעסן פון וואַנעט ער איז באַשאַפן געוואָרן, און דעריבער האָט פרעה געזאָגט אַז כביכול ער איז דער גאָט, ווײַל ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אַז דער אויבערשטער האָט אים באַשאַפן. און אַז מ'פאַרגעסט דעם מקור – ה' יתברך – קערט זיך איבער אַלץ אויף שלעכטס.

אויך פרעה האָט אַ שורש אין קדושה, 'פרעה' פון לשון 'אתפריעו' אויף אַראַמיש. וואָס מײנט: 'אַנטפּלעקונג אָן באַגרענעצונגען', דער אויבערשטער אַנטפּלעקט זיך מיט'ן גאַנצ'ן תוקף.

איר ווייסט וואָס טרעפט צו דער וואָס זעט דעם אויבערשטן? – "לא יראני האדם וחי". אין נאַטור פון דער וועלט אַ מענטש וואָס ווערט שטאַרק גערירט – חלש'ט זיך, ווײַל זײַן האַרץ קען דאָס ניט אויסהאַלטן, אַזוי און אַסאַך מערער וועגן דעם געוואַלדיקן אַנטפּלעקונג פון געטלעכקייט, אונזער קערפּער איז באַגרעניצט און דער אויבערשטער איז אומבאַגרעניצט – קײנער וועט עס ניט קענען אויסהאַלטן און אויפנעמען!

אויך משה האָט זיך געשראָקן פון אָט דעם גילוי וואָס רופט זיך אָן 'פרעה', און האָט אים ניט געקענט אויפנעמען. דעריבער האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט "בא אל פרעה", ניט "לך אל פרעה" נאָר "בא אל פרעה", קום מיט מיר. איך וועל דיר געבן כח אויפצונעמען דעם אומבאַגרענעצטן אַנטפּלעקונג און לעבן ווײַטער ווי געוויינלעך – משה איז ניט געוואָרן אַ מלאך ווי אליהו, נאָר האָט ווײַטער געלעבט אַסאַך יאָרן אין עולם הזה הגשמי.

דאָס איז דער ענין פון "בא אל פרעה". דער

אויבערשטער גיט משה'ן אַ ספּעציעלער כח צו זײַן אין אַ גוף, און אין זײַן גוף אויפנעמען די וואונדערלעכסטע גילויים.

**נשמות בגופים, דאָס איז דער עיקר**

פאַרוואָס איז אַזוי וויכטיג צו מאַכן אַ ספּעציעלער נס כדי אַז משה זאָל אויפנעמען אָט דעם גרויסן גילוי אין זײַן גשמיות'דיקער גוף? מ'קען ניט אַרויסנעמען די אידן פון מצרים אָן דעם נס?

לאָמיר באַמערקן צוליב וואָס איז די גאַנצע מעשה. דער צוועק פון גאולת מצרים איז מתן תורה, און מתן תורה האָבן אידן אָנגעפאַנגען צוגרייטן די וועלט צו דער אַנטפּלעקונג פון דעם אויבערשטן דוקא אין עולם הזה הגשמי – ווײַל דאָך דעם אויבערשטנ'ס רצון איז אַז עס זאָל זײַן פאַר אים אַ דירה דוקא בתחתונים, און צוליב דעם איז באַשאַפן געוואָרן דער וועלט. אַזוי וועט טאַקע זײַן אין דער גאולה האמיתית והשלימה, אין דער גאַנצער וועלט וועט ניט זײַן קיין שלעכטס – נאָר גוטקייט און הייליגקייט, אַלע וועלן דערקענען און פילן דעם אויבערשטן און וועלן אויסרופן "אָט איז מלך המשיח" און וועלן וועלן אויספירן זײַן רצון.

דאָס איז גאָר אַ גרויסער אויפטו, אַז די גשמיות'דיקע מענטשן וועלן קענען זיך פאַראייניציקן מיט דעם אויבערשטן אַליין! דעריבער האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַ הכנה דערצו, און האָט געגעבן די העכסטע גילויים דוקא צו משה'ס גוף. אַלס אַ הקדמה צו מתן תורה און די גאולה שלימה אין וועלכן אונזער גשמיות'דיקער קערפּער וועט אויפנעמען די געטלעכע גילויים.

**דער דור פון גאולה – נשמות בגופים בחיים נצחיים**

פון דעם וועלן מיר לערנען אין שייכות צו אונז, די חיילים פון צבאות ה' (די זעלנער'ס פון דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי) אינעם דור פון גאולה. אמת טאַקע מיר זײַנען באַגרענעצטע מענטשן מיט באַגרענעצטע כחות און טאַלאַנטן, און מ'קען מיינען אַז ס'זײַנען דאָ זאַכן וואָס זײַנען מער פון אונזער מעגלעכקייט, וואָס זיי קענען מיר ניט טאָן. אַז מיר קענען ניט מתמיד זײַן אין לערנען, עס פעלט אונז דעם תוקף זיך צו פירן ווי געהעריק ווען דער אַרום לאַכט אָפּ און גרינגשעצט, און מיר האָבן ניט די דרייסטקייט צוגיין צו אַ צווייטן און אים מקרב זײַן צום רבי'ן.

אָבער דער אמת איז אַז יעדער איינער פון אונז איז פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן! דער אויבערשטער אַנטפּלעקט זיך איז אונזער גוף מיט די גאַנצע שטאַרקייט און אָן קיין באַגרענעצונג, און גיט אונז די מעגלעכקייט צו זײַן חיילים אין צבאות ה' איבערגעגעבן אין אַלע פּרטים.

יעצט וועלן מיר אויך פאַרשטיין די סיבה צו דעם ספּעציעלן חידוש אין אונזער דור:

אין דעם פריערדיקן דור, אין די טעג פון דעם רבי'ן ריי"צ איז נאָך ניט נשלם געוואָרן די עבודה, און דערפאַר איז ניט געקומען די גאולה בפועל ממש. פון די זעלביקע סיבה איז אין יו"ד שבט נסתלק געוואָרן דער רבי ריי"צ פון זײַן גוף הגשמי, ווײַל ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט אַז די וואונדערלעכע גילויים זאָלן זיך אַנטפּלעקן אין גוף. דער וועלט איז נאָך ניט געווען גרייט.

אָבער אונזער דור – און דער רבי מלך המשיח שליט"א בראשנו – איז אַ ספּעציעלער דור וואָס איז משלים אַלץ. אין אים וועט קומען די גאולה בפועל ממש! דעריבער אין אונזער דור איז ניטאָ חלילה קיין הסתלקות, דער רבי איז ווייטער מיט אונז דוקא אין זײַן גוף הגשמי, און דוקא אַזוי וועט ער זיך נתגלה ווערן צו אונז און בערנגען די גאולה. נשמות בריאות בגופים בריאים אויף חיים נצחיים.

**תכל'ס**

אונזער דור דאַרף משלים זײַן די שליחות פון דעם רבי'ן ריי"צ, לערנען זײַן תורה און פאַרשפּרייטן איר. און ווי דער רבי ריי"צ פלעגט עס טאָן דוקא מתוך שמחה, און אויך, ער האָט זיך איבערגעגעבן ספּעציעלערהייט צו קליינע קינדער צו זיי מחנך זײַן לויט זייערע כלים. און אַזוי דאַרפן מיר זיך פירן.

**ויהי רצון, אַז דורך עצם קבלת ההחלטות בקשר מיט יו"ד שבט . . זאָל נאָך פאַר דעם זײַן "הקיצו ורננו שוכני עפר", און דער בעל ההילולא בראשנו, ותיכף ומיד ממש, אין דעם ממש'דיקן פירוש פון "ממש" – כידוע אַז צדיקים קמים בתחיית המתים מיד, און מ'פאַראוועט מיט אים צוזאַמען דעם יום ההילולא.**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

ווילסטו איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?

אין ארה"ק – קינדער: (054) 795-5493, אין ארה"ק – מיידלאך: (054) 646-0770, אין ארה"ב: (718) 290-4444

עס איז מעגלעך צו אראפ נעמען דעם 'דבר מלכות' פאר קינדער יעדער וואך אין אתר פון 'חב"ד אינפא'

עריכה: בן מנחם ● הגהה רוחנית: רבנים ואנשי חינוך ● תורגם לאידיש ע"י מנחם מענדל פעלדמאן ● יו"ל במסגרת מבצע עולמי ללימוד הדבר מלכות

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק